**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/19/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ארט פאר ניו יארק סטעיט פאליציי איינפאכע שולע אוקסיליערי אקאדעמיע**

***נייע אקאדעמיע ביי קאזענאוויע קאלעדזש וועט העלפן ארויפברענגען שטאפלען דורך ערלויבן סטעיט פאליציי צו פארברייטערן צו צאל אקאדעמיע קלאסן***

***טייל פון גאווערנער האקול'ס פלאן צו שטארקן פובליק זיכערהייט אין ניו יארק סטעיט***

***אקאדעמיע וועט עפענען די ערשטע קלאס אין אקטאבער 2023***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז קאזענאוויע קאלעדזש איז אויסגעוועלט געווארן אלץ דער ארט וואס די ניו יארק סטעיט פאליציי וועט נוצן פאר זייער נייע סטעיט פאליציי אוקסיליערי אקאדעמיע. די צוגעקומענע אוקסיליערי אקאדעמיע איז טייל פון די גאווערנער'ס פלאן צו פינאנצירן א פרעצעדענטלאזע צאל איינפאכע שולע קלאסן, וועלכע איז אנאנסירט געווארן פריער אינעם יאר. גאווערנער האקול האט פארזיכערט איבער $66 מיליאן אינעם פיסקעל יאר 2024 אוועקגעשטעלטע בודזשעט צו פינאנצירן די צוויי צוגעקומענע סטעיט פאליציי קלאסן.

"מיט די צוגעקומענע אוקסיליערי אקאדעמיע ביי קאזענאוויע קאלעדזש, קענען מיר העלפן פארזיכערן אז די ניו יארק סטעיט פאליציי האט א פולע שטאב פון גוט טרענירטע פרויען און מענער צו האלטן ניו יארקער פארזיכערט - א הויפט פריאריטעט פאר מיין אדמיניסטראציע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דאס פארברייטערונג וועט אויך שאפן געלעגנהייטן פאר מער קאנדידאטן, וואס דאס וועט שטיצן די סטעיט פאליציי'ס מיסיע צו אויסשפרייטן און העכערן די שטאפלען. מיר זענען איבערראשט צו עפענען די אקאדעמיע'ס ערשטע קלאס אין אקטאבער אינעם צייט וואס זיי גרייטן זיך צו סערווירן די קאמיוניטיס."

דאס פרעצעדענטלאזע פארברייטערונג וועט פארשנעלערן דאס איבערבוי פון די פאליציי קרעפטן און העכערן צו צאל פאליציי לייט איבערגעגעבן צו באשיצן און סערווירן די מענטשן פון ניו יארק סטעיט. דאס איניציאטיוו וועט ערלויבן פאר די סטעיט פאליציי צו העכערן די צאל קאמיוניטי סטאביליזאציע איינהייטן (Community Stabilization Unit, CSU) איבער די סטעיט פון 16 צו 25. עס וועט אויך שטארקן פאליציי לייט אנטיילנעמונג אין לאקאלע און פעדעראלע אויפגאבע קרעפטן אזוויוי די גילגא ברעג מערדער אויפגאבע קראפט (Gilgo Beach Homicide Task Force), א מערערע-אגענטור אויספארשונג איינהייט וועמענס ארבעט האט געפירט צום ארעסט פאריגע וואך פון א פארדעכטיגטער אין א סעריע פון פריער אומגעלייזטע מערדערס אין לאנג איילענד.

**עקטינג ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט סטיווען א. ניגרעלי האט געזאגט,** "די אוקסיליערי אקאדעמיע איז זייער וויכטיגע פאר אונזערע באמיאונגען צו העכערן אונזערע שטאפלען און

טרענירן די מערסטע קוואליפיצירנדע קאנדידאטן מעגליך אויף צו באשיצן די מענטשן פון ניו יארק סטעיט. מיר האבן ארומגעפארן ארום די סטעיט איבער די לעצטע זיבן מאנאטן, און איבערגעקוקט מערערע לאקאציעס, און מיר שפירן אז די קאזענאוויע קאלעדזש קאמפוס שטעלט צו דאס בעסטע ארט אין ניו יארק און איז דאס מערסטע צוגעפאסט צו ערפילן די געברויכן פון אונזער איינפאכע שולע טרענירונג. מיר דאנקען גאווערנער האקול פאר איר ווייטערדיגע שטיצע און פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונג אין איניציאטיוון אזוי ווי דאזיגע וועלכע שטארקן אונזער פובליק זיכערהייט באמיאונגען."

**אסעמבלימיטגליד אלבערט א. סטריפע, דזשוניור. האט געזאגט**, "גאווערנער האקול ערפולט איר צוזאג צו העכערן צו געלעגנהייט פאר טרענירונג פונעם ניו יארק סטעיט פאליציי. די איסערגעווענליכע אויסוואל פון די קאזענאוויע קאלעדזש קאמפוס איז א געווינס סיי פאר די פאליציי אקאדעמיע און סיי פאר די קאזענאוויע קאמיוניטי. די קאמפוס פאסיליטעטן פאסן צו די געברויכן פון די אוקסיליערי סטעיט פאליציי אקאדעמיע קלאס פארברייטערונג און די אקאדעמיע שטעלט צו עקאנאמישע אקטיוויטעטן און געלעגנהייטן פאר די ווילעדזש, טאון און ראיאן."

**סטעיט סענאטאר דזשאסעף א. גריפא האט געזאגט**, "עס דערפרייט מיר אז די ניו יארק סטעיט פאליציי וועט נוצן א פלאץ ביי קאזענאוויע קאלעדזש פאר זייער נייע אוקסיליערי אקאדעמיע. דאס אפמאך וועט בענעפיטירן די קאזענאוויע קאמיוניטי און ערלויבן פאר נאך מעגליכקייטן און הילפסמיטלען אויף צו אויפנעמען נאך מיטגלידער פאר די סטעיט פאליציי."

די גע'ליעס'טע ארט ביי קאזענאוויע קאלעדזש וועט קענען האלטן ביז 275 סטודענטן און 115 לערערס. די וואפן טרענירונג און עמערדזשענסי וויהיקל אנווייזונג קורסעס ( Emergency Vehicle Operations Courses, EVOC) וועלן ווייטער פארקומען ביי אנדערע ערטער וואס זענען גענוצט געווארן ביז יעצט. די ערשטע איינפאכע שולע קלאס ביי קאזענאוויע אוקסיליערע אקאדעמיע איז באשטימט זיך אנצוהויבן אין אקטאבער פון 2023.

קאנדידאטן קענען לערנען איבער ווערן א ניו יארק סטעיט פאליציי מאן און זיך איינשרייבן צו נעמען די פארהער אויף [joinstatepolice.ny.gov](joinstatepolice.ny.gov).

אפליקאציעס פאר די ניו יארק סטעיט פאליציי מאן איינטריט פארהער האט זיך געעפענט אויף יולי 1, 2023, און מענטשן קענען זיך איינשרייבן צו נעמען די פארהער ביז אקטאבער 1, 2023.די פארהער ווערט געגעבן אנליין ביי אויטאריזירטע פארהער צענטערן כדי צו מאכן די פארהער מער צוגענגליך.

די סטעיט פאליציי איז אריין אין א קאנטראקט מיט Pearson VUE וועלכע וועלן צושטעלן די פאליציי מאן איינטריט פארהער ביי 54 פארהער צענטערן אין ניו יארק סטעיט, ביי מער פון 280 לאקאציעס אין די פאראייניגטע שטאטן, און ביי 100 מיליטערישע לאקאציעס ארום די וועלט. קאנדידאטן קענען אויסוועהלן וואו און ווען זיי נעמען די פארהער. דער פארהער פראצעדור דורך די אינטערנעט מאכט דאס באקוועמער און מער צוגענגליך פאר סיי וועם וואס איז אינטערעסירט צו ווערן א טרופער.

מען קען באקומען א שטודיע אנווייזונג פאר די פארהער [דא](דא).

**מינימאלע פארהער באדינגונגען:**

- אמעריקאנער בירגער
- 20-34 יאר אלט (די מאקסימום עלטער קען פארלענגערט ווערן מיט איין יאר פאר יעדע יאר פון פול-טיים אקטיווע מיליטער דינסט — פאר ביז א מאקסימום פון 7 יאר)
- הויך-שולע דיפלאמע אדער דאס גלייכן

מען קען זען נאך פאדערונגען דא.

**געהאלט און בענעפיטן:**

- געהאלט ביים אנהויב: $59,612
- נאך איין יאר: $84,331
- פולע בענעפיטן און ריטייערמענט

די סטעיט פאליציי האט פונדאסניי אויסגעשטעלט איר רעקרוטירונג פראגראם צו אנקומען צו מער פאטענציאלע פרויען און קאנדידאטן פון מינאריטעטן. דאס רעכנט אריין זיך טרעפן מיט פירער אין קאמיוניטיס פון וואו עס זענען דא ווייניגער אין געזעץ אינפארסירונג, מיט די ציהל צו אויפבויען פאזיטיווע לאנג-טערמיניגע קשרים. די סטעיט פאליציי האט אויך גענומען אויף זיך די 'X3030' צוזאג — זיך פארפליכטנדיג צו פארגרעסערן די פראצענט פון פרויען רעקרוטן צו 30 פראצענט ביז 2030. די אגענטור האט רעקרוטירונג מאנשאפטן אין יעדע טרופּ וועלכע גייען צו געשעענישן אין געגנטער צו מאכן 'נעטווארקינג'.

עס זענען דא פארשידענע קאריערע אויסוואלן אין די ניו יארק סטעיט פאליציי און אסאך געלעגנהייטן פאר אלע סארט טאלאנטן, פון זייער K-9 איינהייט צו די אונטערוואסער ערהוילונגס גרופע, צו לופט גורפעס און די ספעציעלע אויפגאבעס רעאקציע גרופע.

###